גליון א'
ערב סוכות תשפ"א

# א מחי'!

## 16 טיפס פאר א געשמאקע לעבן

1. זיי בעה"ב
2. זיי מעונג (ענדזשוי לייף)
3. זיי געזונט און שטארק
4. זיי א מאן
5. זיי א טאטע
6. זיי אויפגעלייגט
7. זיי אומאפהענגיג
8. זיי רייך
9. זיי מסודר (דו האסט שוין איינמאל צייט...)
10. זיי א לערנער
11. זיי א דאווענער
12. זיי גוט
13. זיי דאהי
14. זיי שטום
15. זיי געשיקט
16. זיי א הולך

## ראה נתתי לפניך את החיים

## הקדמה

### האב נישט מורא!

'ווען א ווערעמעל עסט זיך אריין אין א כריין (מרור,) מיינט ער אז קיין זיסערס פון דעם איז נישטא...' גייט דער וועלטס ווערטל. אבער וואס בין איך דען, יענעמס נער? איך וועל גלייבן אלעס וואס מען זאגט?! נעה! נישט איך! איך האב גענומען דעם מי, דעם דריטן טאג חוה"מ פסח, ווען מיין נאז איז שוין געקומען צו זיך פון עסן די פריש געריבענע מרור, שפאציר איך אריין טאקע אין יענע גראסערי, ומצאתי את שאהבה נפשי! נישט מער און נישט וויניגער, א ווערעמעל אין א כריין! איך האב מיך נישט געזוימט, איך נעם דעם כריין אין א ווינקעל, און איך כאפ א שמועס מיט אים.

**איך:** (היס, היס, קלאר אויס מיין האלדז...) אהם, ערעב ווארעם

**ווארעם:** ביסט משוגע? דו רעדסט צו א ווארעם? דו ביסט דאך א מענטש, ניין?

**איך:** (אביסעל פארויטעלט פונעם פסוק) יא, אבער, אבער, איך האב פאר דיר א מורא'דיגע אפפער

**ווארעם:** נו, וואס איז דו אפפער?

**איך:** איך האב דא א זיסע בענענע, דו קענסט אפלאזן דעם



ציפעדיגען, שארפן כריין, און איך געב דיר א בענענע אומזיסט! דו קענסט עסן וויפיל דו ווילסט!

**ווארעם:** איך זעה דו ביסט טאקע משוגע! איך וואוין שוין דא אין דעם כריין זייט איך בין געבוירן, דא בין איך באקוועם, דא קען איך מיך אויס, וואס ווילסטו פון מיין לעבן האבן. גיי דיר ווי די שווארצע פעפער וואקסט!

**איך:** אבער ערעב ווארעם, איך אפפער דיר סאך א זיסערע לעבן, דו קענסט מיך נישט סתם איגנארען

**ווארעם:** איך קען יא! איך בין א פלעינע ווארעם, איך האב נישט געדארפט אנהייבן צו רעדן צו דיר לכתחלה! אבער אז איך רעד שוין יא צו דיר, דו גרויסע קליגע מענטש, דו לאזט יא אפ דיינע באקוועמליכקייטן כדי צו האבן א זיסערע לעבן?!

---

די געשעפטס מאן ווינדערט זיך נאך אלס פארוואס איך האב אפגעלאזט דעם כריין ווי א הייסע פאטעיטע און אפגע׳גאפעל׳ט פון דארט...

פארפאלען אבער, דער ווארעם איז גערעכט! בעפאר אונז גיימער אריין אין די קומענדיגע 16 יסודות פון א געשמאקע לעבן, לאמיר זיכער מאכן אז אונז האבן נישט קיין מורא צו טעיסטן עפעס בעסערס פון וואס אונז זענען צוגעוואוינט! ודורשי השם לא יחסרו כל טוב! ווער עס האט נאר איינמאל צוגעזעהן ווי א צדיק איז זיך מדבק לקונו ביים דאווענען וכדו׳, ווייסט דאך קלאר, אז קיין זיסערע טעם פון דעם איז נישט דא אויף דער וועלט! ס׳איז שוין איינמאל ווערט צו איבערלאזן אביסעל פארשימעלטע כריין צו קענען אנהייבן שפירן א טעם אין לעבן. מסכים?

מיטן באשעפערס הילף האפט מען ארויסצוקומען מיט א לענגערע באשרייבונג אויף יעדע איינע פון די זעכצן יסודות. אבער קודם וועט מען אנהייבן מיט אביסעל טועמי׳ צו עפענען די אפעטיט. א שמעק פון יעדן יסוד, ציווישן 1-3 יסודות פער גליון. דערנאך וועט מען בעסער צונעמען יעדן יסוד אויף טעלערלעך. יעדע יסוד וועט דויערן א שיינע פאר גליונות. די חומר איז מלוקט פון אסאך סופרים וספרים און אויך פון פערזענליכע עקספיריענס, זאכן וואס איך האב געזעהן ביי מיר אז עס ארבעט. אבער א גרויסע חלק, צו אפילו רוב, קומט פון ר׳ אביגדור מילער זצ״ל, און פון הרב נח וויינבערג זצ״ל, וואס גייען אויפן מהלך פון דעם אלטער פון סלאבאדקע זצ״ל. עס איז ברור כשמש, מיט א 100% גאראנטי, אז אויספאלגן די זעכצן יסודות וועט דיך אנפולען מיט אזא מין תענוג, ענערדזשי און געשמאק, וואס דו קענסט זיך ניטאמאל אויסמשל׳ן. אלזא, טוה אהן די סיטבעלטס, און מאך דיך גרייט אויף דעם נסיעה.

# יסוד #1 זיי בעה״ב

## קיינער זאל מיך נישט איינטיילען וואס צו טוהן!

### הקדמה

׳געב מיר פרייהייט, אדער געב מיר דעם טויט!׳ האבן די אמעריקאנע רעוועלוציענערן געדונערט, און מיט דעם שיטה געקעמפט קעגן די ענגלענדער אין זיי פאטריבן פון דא. אונז אלע פארשטייען דאס זייער גוט, יעדן טאג מאכט מען א ברכה שלא עשנו עבד! לעבן אלס קנעכט, איז נישט געלעבט. אויב בין איך נישט מיין אייגענע בעה״ב, למה לי חיים. זייער פשוט. ב״ה היינט זעמיר פריי צו טוהן וואס אונז ווילען! א מחי׳.

למשל, אויב איך וויל גיין אין שוהל דאווענען, גיי איך! אויב איך וויל אויפשטיין באצייטענס, שטיי איך אויף! אויב איך וויל מאכן עקסערסייז, מאך איך עס!... אפס... עפעס שטומט נישט דא. איך טוה נישט ממש אלעס וואס איך מאך אפ צו טוהן. פאריגע ראש השנה האב איך אפגעמאכט אז איך גיי אנהאלטן די שיעור מיט מיין חברותה יעדן טאג חק ולא יעבור, און... בעסער

מען רעדט נישט. סאו וואס איז פשט?! מיז זיין אז מסתמא וויל איך נישט עכט אמת'דיג. איך זאג נאר אז איך וויל. ניין, דאס קען נישט זיין. איך וויל שוין איינמאל עכט. יעדע מאל נאכן שטופן די צייט מיט שטותים, טראכט איך אז מארגן גייט שוין זיין בעסער, סאו, וואס גייט דא פאר רעבוינשלוילעם! אויב איך וויל, און איך קען, פארוואס טוה איך עס נישט? דא איז דאך א דעמעקראטיע, איך דארף קענען טוהן וואס איך וויל, נייך?!

די מלחמה מיט די ענגלענדער איז געוועזן א **קינדער שפיל**. יעדער מיט אביסעל שכל און אביסעל מאסעלס קען דאס טוהן. נאו ביג דיל. די מלחמה מיטן יסוד העפר, ערעב בלאטע'ניו איז שוין גאנץ אן אנדערע מעשה.[2] ער דרייט זיך מיר אין די קישקעס ווי ביים טאטן אין וויינגארטן! ער זאגט מיר נישט אז ער וויל מיר איינטיילען וואס צו טוהן, נעה, ער איז קליגער פון דעם, ער זאגט מיר אז איך וויל דאס וואס ער טיילט מיר איין! הערסט א חוצפה! איך ווייס מיט א קלארקייט אז איך וויל זיך זעצן לערנען ביים שיעור ביינאכט, קומט ערעב בלאטעניו און ער זאגט מיר אז **איך** וויל שמועסן! ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט אזא קרומע פארדרייטע שונא?!

קודם לאמיר זיין קלאר. ווער איז די שונא? דעם גוף, ערעב בלאטע'ניו. אקעי. וואס איז זיין זענען זיינע טאקטיקן?

**1. ער שלאגט זיך נישט מיט מיך, ער איז נאך מיין בעסטע פרענד! מחוצף איינער.**

**2. ער מאכט דילס מיט מיך, 'נאך איין סנוז, און נאך דעם וועסטו ארויס שפרינגען פון בעט!' (שקרן איינער, אונז ביידע ווייסן דעם אמת 😒)**

**3. ער צאלט קעש! די 'הנאה' פון דעם צווייטן פארציע אייסקרים, נאך א געשטאפטע סעודה קומט אויפן פלאץ! די בויך שמערצן קומען ווי א טשעק אין די פאסט, שפעטער...**

מאויבי תחכמני! די עצות קענען אפשר אויסקוקן מאדנע, אבער עס ארבעט! בדוק ומנוסה.

**1. שלאג זיך נישט מיט אים! דו ווילסט נאר טוהן די איין צוויי קלייניקייטן, אבער בעצם ביסטו אויף זיין זייט![3]**

**2. מאך דילס מיט אים! 'איך קום ארויס פון בעט נאר פאר איין מינוט, זעכציג סעקונדעס! נאך דעם טאנץ איך צוריק אריין אין בעט, אין איך שלאף ביז חצות נאן-סטאפ! ס'וועט זיך נאך שלאפן אסאך זיסער! (אז ער מעג זאגן ליגענט, מעגסטו אויך...)**

**3. צאל דו אויך קעש, עס קען זיין אזא קלייניקייט ווי א קאמפלימענט. נאך איין מינוט וואס איז דורך און דו האסט נישט אריין געקוועטשט דעם אייסקרים, מורמעל דיך אונטער 'משה! נייס דזשאב! דו טויגסט!' אויב איז אדורך דעם גאנצן אווענט, און דו האסט נישט געגעסן דעם אייסקרים, גיי אויף א שטילע פלאץ... הייב אויף דיין רעכטן האנט אין געב דיר א קלאפ אין פלייצע! 'משה, וואו! איך בין אימפרעסט מיט דיר!' עס איז פאני? אפשר, אבער דו וועסט זיין סורפרייזד צו זעהן וויפיל דו וועסט ארויסקוקן אויף דיין אייגענע קאמפלימענט. און עס קומט זיך דיר![4]**

הצד השוה שבהן, ער רעדט צו דיר, רעד דו צוריק. לאז נישט די שמועס איינזייטיג. זאג אים דיין דעה אויך! זיינע דעות זענען דאך אזוי לעכערלעך! קודם זאגט ער אז איין סנוז וועט נישט אויסמאכן, שלאף נאך פינעף מינוט. נאך צען מאל דאס זאגן, זאגט ער דיר אז דו ביסט שוין עניוועי שפעט, שלאף דיך שוין גוט אויס! ער רעדט דאך נישט צו די זאך, עס מאכט נישט קיין טראפ סענס. ער איז זיך סותר מני' ובי'! ווען דו שמועסט מיט דיין חבר וואלסטו אים קיינמאל נישט דורכגעלאזט מיט אזעלכע נארישע טענות. מה נשתנה הרב בלאטעניו? טענה צוריק!

אויב ווילסטו עס נעמען צו די נעקסט לעוועל, זאג ארויס דיין טענה מיטן מויל. ער זאגט 'איין סנוז וועט נישט אויסמאכן', מורמעל דיך אונטער דיין שכל'דיגע ענפער 'איין סנוז וועט ברענגן די צווייטע, נאכדעם וועל איך פילען ווי א שמאטע, עס לוינט זיך נישט!' מיטן ארויסזאגן מיט דיין מויל, האסטו אטעמאטיש געוואונען די פייט. טריי עס.[5] לאז מיר וויסן ווי אזוי עס איז געגאנגען.

# יסוד #2 זיי מענוג

## ענדזשוי לייף

האדם לא נברא אלא להתענג, דער אויבערשטער האט באשאפען דעם מענטש ער זאל זוכן און באקומען תענוג.[6] ווילסט פרוף? האסטע. ווי אזוי ווייסטו אז א פענסעל איז געמאכט צו שרייבן און נישט אויף צו פיצען די ציין? פשוט, טריי עס אויף די ציין, און עס ארבעט נישט געהעריג, טריי עס אויס אויף צו שרייבן און עס ארבעט א מחי'. איז פשוט אז דער וואס האט געמאכט דעם פענסעל, האט אינזין געהאט אז מען זאל מיט דעם שרייבן.

קוק וואס מענטשן טוהן רוב צייט, ווערסטו זעהן אז זיי לויפן נאך תענוגים, איז פשוט אז דער וואס האט געמאכט דעם מענטש, האט במדת הטוב להיטיב, געמאכט דעם מענטש להיטיב לבריותיו, ער זאל האבן תענוג. אבער אויב וויל מען האבן תענוג, דארף מען ארויסהאבן וואס עס מיינט תענוג.

## תענוג אדער עצלות?

טראכט אריין א רגע, וואס איז די היפך פון צער (פעין בלע"ז)? STOP ! לייג נישט ווייטער, טראכט טאקע. וואס איז די היפך פון צער?

תענוג (פלעזשור), איא? ריכטיג? פשוט, ניין?

ניין, ניין און נאכאמאל ניין! בכלל נישט! די היפך פון צער, איז 'נישט האבן צער', דהיינו: באקוועמליכקייט. דאס אויסמישען די קאנסעפט פון באקוועמליכקייט מיט די קאנסעפט פון תענוג, איז אן ערפינדונג פון די מערב וועלט אידילאגיע. א כינעזער, אראבער, וכו' וועלן קיינמאל נישט אויסמישן די צוויי זאכן. באקוועמליכקייט און תענוג האבן נישט קיין שום שייכות איינע מיט די אנדערע.

לאמיר עס אויפווייזן אין איין מינוט מיט א פשוט'ע משל. דו גייסט שווימען מיט דיין זעקס יעריג זוהן, און ער זעצט זיך אוועק באקוועם אויף א בענקעל אין די זייט פון די סווימינג פול. דו ביסט דאך א געטרייע טאטע, דו ווילסט דאס בעסטע פאר אים, זאגסטו אים 'מוישי, טאנץ אריין אין פול!' אבער איין מינוט, וואס ווילסטו פון אים, ביסטו דען נישט מודה אז עס איז באקוועמער צו זיצן אויפן בענקעל ווי צו שווימען אין א קאלטע פול? נאר וואס דען, דו ווילסט ער זאל מאכן א לעבן! ער זאל האבן דעם תענוג פון ריקן זיינע גלידער און פלאטשקענען אין די פרישע וואסער!

נאך איין הוכחה. תענוג איז עפעס וואס אונז זוכן, איא? ווי מער אלס בעסער. פשוט. געדענקסט אפשר דעם בחור אין ישיבה וואס איז נעבעך געשלאפן 20 שעה פונעם מעת לעת? די בעט איז דאך די באקוועמסטע פלאץ פון א מענטש, וועט איינער דען טראכטן אז דער בחור 'האקט א לעבן', אינדזשויט זיין לעבן'?

איך האב נייעס פאר אייך. באקוועמליכקייט איז עצלות. עס ברענגט נישט קיין שום הנאה פאר די מענטש. די באקוועמסטע פארן גוף איז ווען ער איז שוין טויט, ער פילט שוין גארנישט!

אדרבא, ווי מער א מענטש קען פארנעמען צער/אומבאקוועמליכקייט, אלס מער תענוגים וועט ער האבן!



אבער דאס וועלן מיר שוין אויסמועסן[7] אי"ה אין דעם לענגערן ארטיקל אויף דעם נושא. אויף דערווייל, באטראכט גוט דעם געידז"ש (זייגערל) דא, און נעם עס אריין אין די ביינער. געדענק, דו ווילסט נישט באקוועמליכקייט, דו ווילסט תענוג. האלט דיין קאפ גראד.

נ.ב. איין זאך איז יא דא א בענעפיט אין באקוועמליכקייט. דאס איז בשעת וואס מען וויל האבן די מח פריי צו טראכטן, אינזין האבן, איינשלאפן וכדו'. וואס דעמאלס אויב מען איז נישט באקוועם, וועט עס שטערן די פולקאמע כוונה.[8]

## פלעזשור אדער תאוה\דמיון?

לאמיר נישט אריין גיין אין קיין הסברים, לאמיר פשוט ווייזן אפאר משלים, ס'וועט שוין רעדן פון זיך אליין.

| תענוג | תאוה\דמיון |
|---|---|
| ס'איז ביטער הייס אינדרויסן, איך שוויץ ווי א טערק, פיינעלי האב איך שוין גענוג געהאט, איך כאפ מיך אריבער אין פול, עס קאסט ס"ה $7, דריי מינוט דערויף האב איך שוין אויסגעטוהן מיין שווייס דורכגעווייקטע אינטערוועש, אין איך דייוו אריין אין פרישע קילע וואסער, אאאאהההה, א מחי', וואט עי פלעזשור! שכח זיסע טאטע. | איך האב געענדיגט ארבעטן פרי, איך בין נאכנישט ממש אין די מאָ"ד פון אהיים גיין. וואס קען איך טוהן, שוין לאמיר גיין שווימען. גיימער לייגן די מח אויף נוטרעל, און קלאצן אין פול פאר א שעה... |
| איך האב ב"ה מסיים געווען מסכת בבא בתרא, גיימער מאכן א סיום אינדערהיים אויף אן עגלא תלתא, ערליך פארדינט! איך קויף א זעכציג דאלערדיגע ריב סטעיק, איך בעט מיין אשת חיל צו מאכן מטעמים כאשר אהבתי. פשי', עס איז אויסגעקומען עפעס מורא'דיג! ווייעך ווי פיטער, פול מיט פלעיווער, אה דעלישעס, די שמעק און די טעם גייט אריין אין אלע גלידער אזש די פינגער פון די פיס פילען אויך דעם טעם, אהההה א פלעזשור. איך בין גרייט איינצונעמען די וועלט! | יעצט איז שבת נאכמיטאג, איך בין גראדע נישט הינגעריג, און נישט זאט. די בעג פאטעיטא טשיפס ליגט אזוי פאריתום'ט אויפן קאונטער, שוין וועל איך זיך מרחם זיין דערויף. צען מינוט שפעטער באמערק איך ווי די בעג איז ליידיג, און מיין בייכעל דריקט. ווי אזוי איז עס געשעהן? איך האב אפילו נישט באמערקט... |
| איך קום אהיים גוט געלוינט, מיין אשת חיל ווייזט מיך א פיקטשער ווי מיין בעיבי מאכט היינט צום ערשטן מאל פאטשי פאטשי הענטעלעך, צוקאשו! עפעס אזוי זיס אז מ'קען משוגע ווערן, א מחי'. | איך קוק שוין דעם אויסגעדראשענעם קארני דשאוק צום זיבעטן מאל, ווייל איינער האט מיך עס יעצט נאכאמאל געשיקט. בלעה.. |

אין קורץ, פלעזשור איז פשט איך בין דא, מיין מח איז דערביי, איך עפרישיעי"ט די תענוג וואס דער בעשפער האט אריין געלייגט אין די זאך, איך ענדזשוי מיך, עס געט מיך כח, עס געט מיך ענערדזשי. תאוה בין איך אויסגעפלאג"ט, מיין מח שלאפט, איך טראכט שוין ניטאמאל צו איך ענדזשוי מיך, און ווען איך ענדיג, פיל איך מיואש און צעקלאפט. פאר דאם האט אונזער ליבער באשעפער געהייסן מאכן א ברכות, כדי די הנאה זאל זיין גאנץ![9] אונז זאלען צולייגן קאפ צו דעם ענין, און אזוי ארויסנעמען די פולע געשמאק פון די זאך. און אפילו הנאות וואס מיר האבן נישט מקובל קיין ברכה, קען מען נאך אלס מקיים זיין די געדאנק דערפון. פארן אריין טאנצן אין פול, זאג ארויס מיט דיין מויל, 'שכח הייליגע באשעפער, אזא געשמאקע פול האסטו מיך אנגעגרייט און אזא הייסע טאג!' מיט אזא שווים האסטו די כוונה פון די בריאה להיטיב לבריותיו![10]

.

דאס אלעס איז נאר עקאנעמי קלעס פון פלעזשור, פאר ביזנעס און פירסט קלעס, וועט מען שוין מיזן ווארטן אויפן לענגערע ארטיקעל. אנטשולדיגט...

1. טייערע ווערטער פון א פריערדיגער: 'מען מאכט יעדן טאג די ברכה 'שלא עשני עבד' כאטש וואס אונז זעהן ווי אונז ליידן צאם אין גלות, מען הרג'עט, פארטרייבט, און בא'גזל'ט אונז, דאך מאכט מעט די ברכה אז אונז זעמיר נישט ווי די עבדים כנענים וואס האבן נישט קיין בחירה. אונז זעמיר נאך אסאך פרייער ווי די פעלקער וואס זענען 'פריי'. און אויף דעם מאכן מיר די ברכה שלא עשני גוי.' (דברי ירמיהו על הרמב"ם, אהבה הל' תפלה וב"כ ז, ו. איבערגעטייטש און פארקערצערט)

2. עיין חובת הלבבות שער יחוד המעשה פרק ה. ווי ער שמועסט אויס דער נושא באריכות.

3. ווי די גמרא זאגט שוין תפשת מועט תפשת.

4. וְיִתְהַלְלוּ כָּל יִשְׁרֵי: יתפארו על יושר לבם, וישתבחו בעצמם. (רש"י תהלים סד, יא)

5. ר' אביגדר מילער זצ"ל שרייבט: עס שטייט אין פסוק 'כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו. פשט איז אז עס גייט טאקע אין דעם סדר: 1. בפיך, מען זאגט עס ארויס מיטן מויל. 2. ובלבבך, עס גייט אריין אין הארץ. 3. לעשותו, מען טוט עס למעשה. אין אזוי איז 'קרוב אליך הדבר מאוד.' מיט דעם סיסטעם ביסטו זייער נאנט צו אויספירן דיינע רצונות. אזוי ווי די חובת הלבבות שרייבט 'כי המחשבה נמשכת אחר הדיבור'. (תורת אביגדור פרשת נצבים וילך תש"פ)

נאך א גרעסערע חידוש שטייט אין צעטל קטן (אות יג), אז עס איז אויך דא א מעלה ארויסצוזאגן ערעב בלאטעניו'ס טענות מיטן מויל, ווייל מיטן עס ארויסזאגן מיטן מויל צוברעכט מען עס. מען קען עס פארשטיין שכל'דיג אויך. זיינע טענות זענען אזוי לעכעריג, אז ווען מען הערט עס לעבעדיג, כאפט מען זיך אליין ווי נאריש עס איז, און די נסיון גייט אוועק.

6. מסילת ישרים פרק א', ע"פ ר' אביגדור מילער ז"ל בשם רבותיו. ועיין ספר כתבי הסבא מסלובודקא פרק 'והיתה הנאתכם עבודתכם'.

7. די מסילת ישרים זאגט 'האדם לא נברא אלא להתענוג,' (הקדמה), די ר"ר אלימלך זאגט 'אדם לא נברא בעולם רק לשבר את הטבע,' (צעטיל קטן אות ט"ז.) אלו ואלו איז דאך דברי אלוקים חיים, היאך יתקיימו שני דברים הללו? פשוט. ווי מער א מענטש צוברעכט זיין יסוד העפר, אלס מער תענוג האט ער!

8. די הייליגע אמורא רבא זאגט, אז אפילו אויב ער האט נאר א קליינע אומבאקוועמליכקייט , קען ער שוין נישט לערנען. כ"ש וכ"ש אונז (עירובין סה.).

9. כתבי הסבא מסלובודקא פרק 'והיתה הנאתכם עבודתכם'.

10. די הייליגע קאמראנער שרייבט אז די הייליגע בעש"ט האט געמאכט א ברכה בשם ומלכות אויף שמעקן טאביק!

## מזל טוב! עס איז געבוירן א יאר!

יעדע זאך וואס איז דא ביי נפש, איז דא ביי שנה. ווען עס ווערט געבוירן א נפש, העלפט מען אים ארויס די ערשטע שטיק צייט. מען געבט אים א סטראקטשער זיך צו קענען אנטוויקלען ווי עס דארף צו זיין. מען שיקט אים אין חדר, אין ישיבה, וכדו'. אבער נאך דעם דארף די מענטש אליין זיך בויען. די יאר איז נארוואס געבוירן. מען געבט דיר ימים נוראים, סוכות, וכו' וכו', עס ארויפצושטעלן אויף די ריכטיגע רעלסן. אבער וויסן זאלסטו וויסן, אז די יאר וועט ווערן אלט, און גייט שטארבן. ווען דו בויעסט אויף דעם יאר, געדענק ווי אזוי דו ווילסט מספיד זיין דיין יאר אין 11 חדשים ארום. מאך זיכער אז דו וועסט קענען זאגן אז דו האסט געלעבט דעם יאר!

# מכון א מחי'!


פעקס:

**845.777.8015**

אימעיל:

**Mechon.A.Mechayeh@gmail.com**



**גליונות אין וויליאמסבורג**
נתנדב ע"י
הר"ר טובי' ניימאנן שליט"א

**גליונות אין בארא פארק**
נתנדב לע"נ רבינו ישראל אברהם
בן אליעזר זוסיא זצ"ל

**גליונות אין מאנסי**
נתנדב לע"נ לאה חי'
בת אברהם ע"ה

**גליונות אין קרית יואל**
נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו
לזכות הצלחה בכל ענינים

זייט מחי' הונדערטער אידישע קינדער! המזכה את הרבים, אין חטא בא על ידו. ספאנסערט א געגנט פארן קומענדיגן גליון.

**די גליון קומט ארויס פון צייט צו צייט. צו באקומען אויף אימעיל, שיקט suscribe צו Mechon.A.Mechayeh@gmail.com**